# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ויקרא - פורים תשפ"ד / גליון פ"א


**הלימוד היומי בספרי חסידות**

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (נח)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | פורים דפרזים |
| שני | פורים דמוקפים |
| שלישי | וזהו אין טובה בא לעולם |
| רביעי | והדיבור נקרא מלכות |
| חמישי | מתחילים פרשת לך! עד ד"ה והנה הגם |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס בײ אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


מפעלות חסידות קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן
0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אירופה
033.0551.7811
ספעציעלע שמועס'ן און שיעורים
הכנה לימי הפורים
אויף היכל המרכזי נומער 9 אדער נומער 30


## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א דראסטישער טויש - מאכט פריילך

## פורים איז אנדערש: דער שונא זעלבסט איז גאר געווארן דער גרויסער העלפער! די פארכאפונג פון אסתר, דער שלעכטער אחשורוש, דאס אנגרייטן א תליה פאר מרדכי'...

שאולי איז געווען א בחור מיט כריזמע... ווען ער שטייט און רעדט, שטייען אלע ארום אים מיט אפענע אויערן. ווען ער האט אפגעמאכט צו זיין צעלאזט און טון ווילדע זאכן - האט ער מיטגעשלעפט מיט זיך א גאנצע גרופע פון בחורים, און ווען ער האט סתם אזוי געקלאצט - האט א גאנצע קופקע מיטגעקלאצט און געשטופט די צייט צוזאמען מיט אים.

דער מצב איז שוין געווארן אומדערטרעגליך, און עס איז געקומען צו א מציאות וואס מען קען אים שוין כמעט קרוינען מיטן נאמען 'ראש ישיבה'... די אלע איינגעשטעלטע זענען אריינגעגאנגען צום ראש ישיבה מיט א ביטע, אז מען זאל ארויסווארפן שאולי'ן פון ישיבה. "מילא אז ער אליינס לערנט נישט, נו. אבער ער שלעפט דאך מיט זיך די גאנצע כתה!", האבן זיי גע'טענה'ט צום ראש ישיבה, "מען הייבט אָן די קומענדיגע וואך די גרויסע חזרה, און עס איז נישט מעגליך צו זען א הצלחה אין דער חזרה - ווילאנג שאולי בלייבט דא אין ישיבה!".

דער ראש ישיבה גלייכט זייער נישט דעם מהלך פון ארויסווארפן א בחור, ער ווייסט וואספארא אחריות דאס איז. דעריבער איז ער געזעסן און געבעטן דעם אויבערשטן, אז ער זאל אים חונן דעת זיין די ריכטיגע עצה וואס צו טון דא. זיין תפלה איז נישט געגאנגען ליידיג, נאר פלוצלינג האט אים געגעבן א בליץ אריין אן עצה. ער לאזט רופן שאולי צו זיך אין אפיס, ער הייסט אים זיצן און נאכן אויסטוישן א פאָר זאצן זאגט ער אים: "שאולי, דו ווייסט אז קומענדיגע וואך הייבט זיך אָן די גרויסע חזרה. איך האב אסאך געטראכט ווער עס קען זיין דער פאסיגער מענטש אנצופירן די חזרה, און איך בין געקומען צו דער מסקנא אז דו ביסט עס! איך וויל דיר בעטן אנצונעמען דעם אויפגאבע! דו זאלסט אנפירן די חזרה! דו זאלסט יעדן טאג ארויסשטעלן א צעטל וויפיל מען דארף היינט אניאגן, און דו זאלסט זיך ארומדרייען יעדן סוף טאג צווישן די בחורים און זיי פארהערן דעם 'שקלא וטריא' פונעם היינטיגן טאג!".

עס איז נישט דורכגעגאנגען מער ווי א פאָר טעג, און די ישיבה איז געגאנגען ווי אויף רעדער... די ישיבה האט געקאכט מיט א פייער און א ברען! אנשטאט די קופקע וועלכע פלעגט זיין ארום שאולי - זענען בחורים געשטאנען און זיך פארהערט ביי אים. וואו ער איז געגאנגען, האבן די בחורים באוואונדערט וואספארא 'מהפכה' דער בחור האט געמאכט ביי זיך.

וועט איינער פרעגן: עס פעלן דען מתמידים אין ישיבה?! פארוואס פונקט פון שאולי איז יעדער אזוי נתפעל - מער ווי פון אלע אנדערע מתמידים וועלכע זיצן שוין יארן איבער די גמרא?! אבער דער תירוץ איז זייער פשוט: ביי אים איז דאס א דראסטישער טויש! ער האט געמאכט א 'מהפכה' אין זיין לעבן!

## פארוואס לאַכט מען פון א פאַרשטעלטן מענטש?

א גאנץ יאר זעסטו ווי דער ספרד'ישער חַכַם גייט אנגעטון ווי א 'כַאבַא', און עס פאלט דיר נישט איין צו שמייכלען. פלוצלינג, זעסטו ווי א היימישער אינגערמאן טוט זיך אָן אזוי, און אלע שמייכלען

פורים געפונען מיר אזא מושג וועלכע רופט זיך 'ונהפוך'. ביי די געוועגליכע ניסים, זענען מיר צוגעוואוינט אז דער שונא כאפט גוטע מכות און גייט לעזאזל... אבער ביי פורים איז אנדערש: דער שונא זעלבסט איז גאר געווארן דער גרויסער העלפער! די פארכאפונג פון אסתר, דער שלעכטער אחשורוש, דאס אנגרייטן א תליה פאר מרדכי, די שרעקליכע גזירה אויף אידן - דאס אלעס איז געווארן איבערגעדרייט, און זיי אליינס זענען געווארן א חלק פון דער ישועה.

איז דער 'אוהב ישראל' מסביר, אז דאס האט זיך נישט 'צופעליג' אויסגעשטעלט אויף דעם אופן, נאר פון אויבן האט מען דוקא אנגעגרייט אזא סארט מעשה! ווייל דוקא דאס מאכט פריילך! דער עיקר שמחה קומט ארויס, ווען עס געשעט א 'ונהפוך הוא'. דוקא ווען עס געשעט א דראסטישער טויש - שמייכלט א מענטש.

א פשוט'ער משל דערצו, זאגט דער אוהב ישראל: **"וְהוּא עַל דֶּרֶךְ מָשָׁל מִי שֶׁמְּשַׁנֶּה בְּגָדָיו הָרְאוּיִם לוֹ תָּמִיד לְפִי עֶרְכּוֹ, וְלוֹבֵשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר אֵין דַּרְכּוֹ בְּכָךְ, אֲזַי נַעֲשֶׂה צְחוֹק וְחֶדְוָה לְכָל הָרוֹאִים אוֹתוֹ. וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בִּימֵי הַפּוּרִים כַּאֲשֶׁר אִישׁ יְהוּדִי מְשַׁנֶּה מַלְבּוּשָׁיו וְלוֹבֵשׁ בִּגְדֵי אִשָּׁה, נַעֲשֶׂה שִׂמְחָה וְחֶדְוָה עַל יְדֵי זֶה, וּכְשֶׁרוֹאִים כָּל יְמוֹת הַשָּׁנָה אֶת הָאִשָּׁה בְּעַצְמָהּ שֶׁמְּלֻבָּשׁ כָּל אֶחָד בִּבְגָדָיו הָרְאוּיִם לוֹ, אֵין שׁוּם שִׂמְחָה - אָמְנָם עִקַּר הַשִּׂמְחָה בָּא מֵחֲמַת הַהִשְׁתַּנּוּת מִדָּבָר אֶל הִפּוּכוֹ. וְכֵן הַנֵּס הַגָּדוֹל שֶׁל פּוּרִים וְהַשִּׂמְחָה הוּא ע"י 'וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים גו' וּפוּר הָמָן נֶהֱפַּךְ לְפוּרֵינוּ"**. א גאנץ יאר זעסטו ווי דער ספרד'ישער חַכַם גייט אנגעטון מיט דער טראגע פון א 'באַבאַ', און עס פאלט דיר נישט איין צו שמייכלען פון דעם. פלוצלינג, זעסטו ווי א היימישער אינגערמאן טוט זיך אָן מיט דער טראגע - און אלע שמייכלען. וואס איז געשען?! וואס איז אזוי לאכעדיג?! ווייל עס איז א טויש! עס איז א 'מהפכה'!

דער 'אוהב ישראל' איז דארטן מאריך, אז דער עיקר תענוג וואס דער אויבערשטער האט פון די העכערע פארכטיגע וועלטן - וועלכע ווערן אנגערופן 'עולם המלבוש' - איז דער סארט זאך, ווען עס געשעט דארט א טויש אין די 'מלבושים'. פירט אויס דער 'אוהב ישראל': **"וְזֶהוּ גַּם כֵּן שִׂמְחַת פּוּרִים בְּכָל הָעוֹלָם. מִפְּנֵי שֶׁהֲגַם שֶׁהָיָה יָכוֹל לְהֵעָשׂוֹת נִסִּים וְנִפְלָאוֹת לְיִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא עַל יְדֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וְכַיּוֹצֵא, עִם כָּל זֶה הָיָה רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ לַעֲשׂוֹת דַּוְקָא זֶה מִדָּבָר לְהִפּוּכוֹ, שֶׁיָּבוֹא הַשִּׂמְחָה מִדָּבָר הַמִּתְהַוֶּה עַצְבוּת, וְאֶפְשָׁר זֶהוּ מִנְהָגֵינוּ שֶׁמְּשַׁנִּים בְּגָדִים בְּפוּרִים. וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין כָּל זֶה"**. מען פאַרשטעלט זיך פורים, כדי אויסצודרוקן און סימבאליזירן אט דער זאך: 'שמחה' קומט דוקא פון 'שינויים' און 'מהפכה'ס'.

(זעה דארט אינעווייניג, איבער דעם 'צחוק' וואס די תורה פארציילט ביי לידת יצחק, וואס ער איז געווען די מדה פון 'גבורה' - פארקערט ווי די מדה פון אברהם אבינו, וואס ער איז געווען 'מדת החסד', וואס צוליב דעם: "על ידי גודל זה ההשתנות נעשה חדוה ושמחה בכל העולמות").

## גיי ארויס פון דיין באַקס

דער פשוט'ער ביאור פארוואס א דראסטישער טויש מאכט אזוי פריילך און לאכעדיג איז, ווייל דאס ברענגט ארויס ביי אלע ארומיגע א כח פון 'ארויסגיין פון די כלים'. די נארמאלקייט האט אפגעמאכט, אז דער שונא טוט שלעכטס און דער פריינט טוט גוטס, קומט 'נס פורים' און זאגט: "ניין! דער שונא האט אויך געטון גוטס! ער האט גאר אנגעגרייט די ישועה!". אין דער רגע וואס זאכן גייען ארויס פונעם 'נארמאל' - ווערט מען פריילך.

דא לערנען מיר זיך אויך אויס א וויכטיגער יסוד - נישט בלויז פאר פורים, נאר פאר א גאנץ יאר: א מענטש איז פאַרזעצט אין זיין פלאץ און רירט זיך נישט ארויס, ער האט שוין אזויפיל מאל פרובירט זיך צו רוקן פאראויס אין עבודת ה' - אבער עס זעט אים שוין נישט אויס, אז עס וועט נאך עפעס ווערן פון אים. זאגט

המשך אין עמוד ב

# אשר הוא יהודי

## פארוואס איז נס פורים אזוי ספעציעל, און ס'זועט קיינמאל נישט נתבטל ווערן? • וואס איז די עומק פון אונזער קשר נצחי? • וואספארא המשכה ווערט דורך קריאת המגילה?

פורים איז אן אייגנארטיגע יום טוב צוליב זיין **נצחיות**, ס'וועט קיינמאל נישט נתבטל ווערן, ווי דער פסוק זאגט (אסתר ט, כח) "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם", אויף וואס חז"ל האבן גע'דרשנ'ט (מדרש משלי פ"ט) "כל המועדים עתידים ליבטל **וימי הפורים אינן בטלין לעולם**", אזוי אויך שטייט אין ירושלמי (מגילה פ"א ה"ה) "הנביאים והכתובים עתידין ליבטל, **מגילת אסתר והלכות אינן עתידין ליבטל**". די סיבה דערפאר ווערט ערקלערט אין מהר"ל (אין הקדמה צו 'אור חדש') בדרך פשטות, אבער לאמיר זיך מתבונן זיין בעומק הדבר.

### א

### פורים - א נצחיות'דיגע קשר

ווען ס'קומט פורים פריידט מען זיך נישט נאר אויפן נס וואס כלל ישראל איז געראטעוועט געווארן פון גזירת כליה, נאר אויפן מורא'דיגן גילוי וואס ימי הפורים האט מיטגעברענגט:

לאו דווקא אויפן נס פורים אליינס, וואס איז געקומען אלס תוצאה פונעם גילוי, נאר אונזער שמחה איז צוליב די שורש הדבר

**א גילוי עצום פון דביקות צווישן השי"ת מיט כלל ישראל, א קשר נצחי וואס קען קיינמאל נישט צעשטערט ווערן ח"ו** - א גילוי וואס דער נס האט מגלה געווען.

די דעמאלטסדיגע מצב פון כלל ישראל איז געשטאנען היבש נידריג, ווי מ'זעט איז חז"ל (רש"י אסתר ד, א) אז פון הימל האט מען צוגעשטימט צום גזירה, ס'איז שוין געווען פארזיגלט ב'חותם של טיט' (אסתר רבה ז, יד). דערצו איז השגחתו ית' געווען כביכול אין א מצב פון 'שינה', ווי חז"ל זאגן (שם שם, יב) אז דאס האט המן געמיינט מיטן זאגן "ישנו עם אחד", אז השגחת ה' בגלוי אויף כלל ישראל איז 'פארדעקט', אויפן שטייגער פון (דברים לא, יח) "ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא" (עיין חולין קלט.), און דורכדעם האט המן הרשע באוויזן צו מעורר זיין א קטרוג למעלה (ווי ברייט ארומגערעדט אינעם אויבערשטן מדרש אסתר רבה), אזויווי די לשון חז"ל (מגילה יג:) "ליכא דידע לישנא בישא כהמן", הייסט אז ער האט באמת מצליח געווען אנצודרייען א קטרוג למעלה, צו פארלענדן כלל ישראל ח"ו.

פונדעסטוועגן האט מרדכי געוואוסט מיטן פולסטן קלארקייט, אז ענדע וועט כלל ישראל געראטעוועט ווערן פון די צרה, כאטש אין הימל האט מען מסכים געווען דערצו, ווי ער האט געזאגט (אסתר ד, יד) "רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר"! זיין קלארקייט האט זיך געבויעט פון דעם וואס כלל ישראל זענען במציאות דבוק בדביקות נצחי מיטן אויבערשטן, היות די תכלית הבריאה, וואס איז צו מגלה זיין אמיתת ה' בעולם, קען נאר געטון ווערן דורך כלל ישראל, ווי דער פסוק זאגט (יהושע ז, ט) "והכריתו את שמנו מן הארץ, ומה תעשה לשמך הגדול?!", זאגט דארט רש"י 'המשותף בשמנו'. אויב אזוי, צוליב אונזער דביקות בו ית', ענליך צו 'תאומים' (עיין שיר השירים רבה ה, ג), איז בכלל נישט שייך צו מבטל זיין אונזער מציאות, זאל זיין וואס זאל זיין, אין וואספארא דרגה מיר זאלן זיך געפונען.

(פארשטייט זיך אז עס איז זיך נישט סותר מיטן חיוב צו תשובה טון אין אזא מצב, און די מסירת נפש וואס אסתר האט געדארפט האבן צו מבטל זיין די גזירה לויט מרדכי"ס אנווייזונג, נאר אדרבה, די גאנצע מטרה פון די גזירה איז געווען אז מיר זאלן טאקע טון אט די פעולות און אזוי מגלה זיין דעם קשר נצחי).

אויף דעם פרייען מיר זיך פורים, אויפן ייחוד הגמור צווישן נשמות מיטן אויבערשטן. לאו דווקא אויפן נס פורים אליינס, וואס איז געקומען אלס תוצאה פונעם גילוי, נאר אונזער שמחה איז צוליב די שורש הדבר, די מציאות אז מיר מיטן אויבערשטן זענען מאוחד בדביקות מוחלט. און פונקט ווי השי"ת איז נצחי לעולמי עד, אזוי אויך ישראל וואס זענען דבוק אין אים האבן א קיום אויף אייביג.

אין אמת'ן, די גאנצע סיבה פארוואס המן האט געקענט מאכן אזא גזירה, איז געווען צו מגלה זיין אט דער נקודה, ווי חז"ל זאגן (מגילה יב.) "לא עשה הקב"ה אלא לפנים, דכתיב 'כי לא ענה מלבו'", צו מגלה זיין די אמת'ע, פנימיות'דיגע דביקות פון נשמות ישראל בה' וואס קען נישט בטל ווערן.

### ב

### קשר נצחי - אמונה און מסירת נפש

**פרעגט זיך די שאלה: וואס איז עס אט די קשר נצחי?**

די וועג וויאזוי די קשר דריקט זיך אויס, איז דורך א זיכערע אמונה אין יחודו ית' ביז מסירת נפש. אזא ערשיינונג נעמט זיך נאר מכח אונזער קדושת הנשמה, א געטליכע מציאות וועמען'ס גאנצע מהות איז צו מגלה זיין יחודו ית' אין אזא עולם הפירוד.

דאס קומט ווייל אונזער אמונה בה' - וואס דאס איז אונזער גאנצע מציאות - בויעט זיך נישט אויף א הכרה מצד אונז שכל, נאר ווייל דאס איז אונזער גאנצע מהות. אונזער מהות איז צו זיין דבוק בה', דעריבער איז אונזער גאנצע עקזיסטענץ אויף די וועלט נאר ווען אונזער אמונה לעבט אין אונז, און אונז זענען דבוק אין אחדות בה', מיט א קלארע אמונה אין זיין גרויסקייט און איינציגקייט.

דערפאר ווען ס'קומט צו א נסיון פון עבודה זרה, וואס דאס איז די היפך אמונה באחדות ה', איז זיך יעדער איד גרייט צו מוסר נפש זיין. 'מסירת נפש' באדייט אז ס'איז נישטא קיין מעגליכקייט צו לעבן מיט א התנגדות צו יחוד ה', און דערפאר אפילו דער שוואכסטער איד וואס לעבט נישט לויטן רצון ה', אבער בשורשו, ווען ס'קומט צום יסודות'דיגן אמונה בה' קען ער זיך נישט שטעלן דערקעגן, וויבאלד דאס איז זיין נאטורליכע מציאות. אויף דעם האבן חז"ל באשטימט (מגילה יג.) "כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי", ווייל דאס איז די מהות פון א איד, פולשטענדיגע אמונה ביחוד ה' אויף א טבעית'דיגע אופן.

### ג

### מרדכי היהודי - מגלה די נקודה פון 'יהדות'

די נשמה וואס דער אויבערשטער האט געשטעלט פאר דעם געהויבענעם גילוי, איז מרדכי היהודי.

מרדכי"ס גאנצע מהות און הנהגה איז צו מגלה קדושת ישראל - וואס מיינט דביקות מוחלטת בה' באופן נצחי, מכח די אור ה' וואס ליגט אין יעדע נשמה בישראל, וואס ער קען זיך דעריבער נישט אפרייסן פון השי"ת, ווייל קוב"ה וישראל חד. צוליב מרדכי איז געקומען די ישועה, ווייל ער איז מגלה עוצם נצחיות דביקות נשמות ישראל אינעם אויבערשטן, א גילוי פון וואס די גאנצע נס פורים באשטייט. דעריבער ווערט מרדכי באטיטלט אלס "איש יהודי", "מרדכי היהודי", ווייל דאס איז זיין מציאות: מגלה זיין נקודת היהדות אין זיין גאנצע מציאות און לעבנסשטייגער.

מ'זעט טאקע אז דורכאויס די מגילה ווערט בעיקר ארויפגעהויבן מרדכי"ס זיך אקעגנשטעלן די עבודה זרה פון המן, ווי אפילו בשעת'ן גזירת כליה ח"ו איז מרדכי ווייטער "לא קם ולא זע", ווייל דאס איז מרדכי"ס שטארקקייט (עיין מגילה יט.).

ביי מרדכי איז געווען קלאר, אז ווי נאר המן האט זיך געמאכט אלס עבודה זרה און זיך דערביי מפריד געווען מיחודו ית' וואס אן אים האט מען נישט קיין מציאות אויף די וועלט, האט ער פארלוירן זיין עקזיסטענץ. השי"ת איז דער מקור החיים, און ווען המן האט זיך אפגעטיילט דערפון האט ער אינגאנצן דערלייגט זיין מציאות, און נאר כלל ישראל, וואס זענען בעצם מדובק בה', גייען ווייטער אנגיין לנצח נצחים.

די אנגעבליכע סצענע ווי המן וואס איז מושל בכיפה שטעלט א גזירת כליה אויף כלל ישראל, איז בלויז געווען א צייטווייליגע מראה חיצוני מיטן ציל צו מגלה זיין די אמת'ע מציאות אז כלל ישראל איז קיים לעולמי עד און המן הרשע איז מתחילה פארלוירן, און מרדכי"ס גאנצע עבודה איז געווען צו לעבן מיטן אמת'ן מציאות אן קיין התפעלות פון

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

אים דער **אוהב ישראל'**: דו דארפסט פשוט ארויסגיין פון דיין קליין קעסטעלע... דו פרובירסט א גאנצן צייט צו זוכן דעם אויבערשטן דוקא אין דיין 'נארמאלקייט זאנע', דו ווילסט אים דוקא איינשלעפן אין אלע דיינע מסקנות און הנחות וואס דו האסט זיך אנגעזאמלט במשך אלע דיינע יארן, און דארט ווילסטו וואקסן און שטייגן. אבער ווייזט אויס, אז דער אויבערשטער וויל דא אביסל שמחה און פארגעניגן, וואס דאס וועט נאר זיין, ווען דו וועסט ארויסגיין פון דיין באקוועמער באַקס! ווען דו וועסט זיין אפן פאר נייע געדאנקען! ווען דו וועסט זיין גרייט זיך אינגאנצן צו טוישן - אָן זיך צושטעלן צו דיינע פריערדיגע החלטות!

דו האסט זיך איינגעוואוינט צו טראכטן מחשבות פון 'יראה'? נו, הייב אָן ארייננצוגיין אין דער עבודה פון 'אהבה'! עס ציהט דיר מער צו 'אהבה'? נו, ברענג אריין אין דיר געפילן פון 'יראה'! עס גייט דיר שווער אינזין צו האבן ביים דאווענען? אפשר דארפסטו טוישן דיין גאנצע בליק אויף 'וואס מיינט דאווענען'. און אזוי איז פארהאן אָן א שיעור דוגמאות. דער כלל איז: בלייב נישט שטעקן אויף איין פלאץ! פרוביר אינגאנצן ארויסצוגיין פון דיינע באגרעניצונגען! ווייל אט צו דעם גלוסט דער אויבערשטער, און אט דאס וועט ברענגען א ריכטיגע שמחה פאר דיר און פאר אים.

פורים שיינט אט דער אור. וואס דאס איז אן 'אור' פון 'התחדשות', מיר זענען נישט משועבד צו בלייבן דער אלטער שאולי מיט זיין אלטע פארשטעלאַכטס, און זיך רוקן בלויז מיט מורישקע טריט... מיר קענען זיך פאַרשטעלן ווי אן אנדערער מענטש, און בלייבן אזוי אויך נאך פורים! פורים קענען מיר ווערן נייע מענטשן - נישט צום דערקענען! און דעמאלט וועלן מיר זיין פרייליכע און לוסטיגע חברה...

די מראה חיצוני.

## ד
## יעדן איד - 'עם מרדכי'

דאס געהערט נישט נאר פאר מרדכי. מרדכי ערוועקט דעם אמת ביי יעדן איד, ווי ס'שטייט (אסתר ג, ו) "ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו, כי הגידו לו את עם מרדכי, ויבקש להשמיד את כל היהודים אשר בכל מלכות אחשורוש עם מרדכי". ווייל המן הרשע אנערקענט אז אייגנטליך איז נישט מרדכי קיין איינצעלנע פאל פון א יחיד וואס איז דבוק בה' און איז כופר בעבודה זרה, נאר מיט מרדכי'ס דערקלערן אז ער א 'יהודי' און דערפאר בוקט זיך נישט צו אים, ציינט ער דאס די מהות פון יעדן איד, בעצם איז יעדער איד א כופר בעבודה זרה. ווייל גילוי נקודת היהדות קומט פון הארת מרדכי, ער שיינט עס אריין בלב כל ישראל ('כתם אופיר' שם), כאטש כרגע איז עס נאכנישט בגילוי, אבער ענדע וועט עס זיכער נתעורר ווערן.

און אזוי האט זיך טאקע אויסגעשטעלט. ווי נאר די גזירה איז ארויס, האבן אלע אידן תשובה געטון טראץ וואס דורכ'ן זיך שמד'ן האבן זיי זיך געקענט אפראטעווען טענה'נדיג אז זיי פאלן נישט אונטער די גזירה היות ער געהערט נישט צום אידישן פאלק. אבער קיינער האט נישט גענומען די שריט, ווייל ענדע איז נתגלה געווארן אז באמת איז ישראל דבוק באמיתת יחודו ית', דאס איז זיין מציאות ('תורה אור', ד"ה חייב אינש).

ווי נאר יחודו ית' איז נתגלה געווארן, איז די תוקף הקליפה נכנע געווארן. ווייל דורך גילוי רוממות ה', ווערט די גאנצע קליפה צונישט, ווי ס'שטייט אין 'יושב בסתר' (תהלים צב), און נאר אידן קענען מעורר זיין דעם גילוי. דער פסוק (תהלים קמט) "רוממות קל בגרונם וחרב פיפיות בידם, לעשות נקמה בגוים" זאגט אונז, אז דורך רוממות יחודו ית' (דורך 'קריאת שמע' ווי מבואר אין ברכות ה.) ווערט נכנע די קליפה. און דאס איז מרדכי'ס כח: אויפשיינען א התעוררות בנשמות ישראל צו דביקות באמיתת רוממות יחודו ית', און דורכדעם מכניע זיין גזירת המן.

## ה
## די מגילה טוט אויפלייכטן גילוי היחוד

יאר איין יאר אויס, ווען מ'ליינט מגילת אסתר בזמנה, איז עס בכח צו מגלה זיין אט די דביקות און יחוד פון קוב"ה בישראל, דאס הייסט א קלארע הכרה אז אן כלל ישראל האט נישט דער אויבערשטער קיין רצון אין די וועלט, די וועלט האט נישט קיין רעכט אנצוגיין אן אידן (עיין אסתר רבה ז, יג). די סיבה דערפאר איז ווייל אידן באזיצן א נשמה אלקית וואס איז דבוק באמיתת יחודו ית', און אונזער גאנצע מהות איז דאס אז מיר זענען 'מאמינים בני מאמינים' מכח דער אור ה' וואס רוהט אין אונז. דאס איז פשוט'סטע וועג צו מגדיר זיין דעם פשוט'סטן איד. אויב פרעגט איינער: וואס איז א איד? זאג אים: א איד האט א פולשטענדיגע אמונה ביחודו ית' ביז מסירת נפש, ער קען נישט עקזיסטירן אין די וועלט אויף א אופן פון כפירה אינעם אויבערשטנס מציאות חלילה, ווייל אמונה - איז זיין אייגנטליכע מציאות.

אט דעם אור ווערט נשפע בשעת'ן ליינען די מגילה צוליב די געוואלדיגע אור אלקי וואס שיינט דערין, אן אור נישט צו נתפעל ווערן פון א מציאות פון חיצוניות'דיגע הסתר און טבע ('קדושת לוי' קדושה א'), און דורכדעם קען מען זיך מדבק זיין בה' אפגעזען אין וואספארא מצב. אויך ווען אויסערליך קען זיך דאכטן אז ס'איז דא א מציאות פון פירוד ח"ו, א טעות וואס קען צושלעפן דעם מענטשן נאכצוגיין חיצוניות העולם, לעבן ווי אפגעריסן פון אויבערשטן און זיך אומגיין ווי אן אייגענע מציאות נפרדת פון ה' ח"ו - אבער ביי קריאת המגילה, ווען ס'ווערט נתגלה אז ס'איז נישטא קיין מציאות אויסער מציאותו ית' און אז דאס איז אונזער גאנצע עקזיסטענץ, ווערט מען צוריק נתעורר זיך אומצוקערן דערצו און שטענדיג לעבן בדביקות מיט אן אמונה ביחודו ית'. ווייל אין אמת'ן אריין ווערן מיר קיינמאל נישט נפרד פון אים, ס'איז בכלל נישט שייך אזוינס, אויב אזוי האט נישט קיין זין צו לעבן אין א סתירה מיט אונזער גאנצע מהות.

די אומגעהויערע שמחה פון פורים, דרייט זיך ארום די אמת'ע גילוי, א שמחה מיטן דביקות ביחודו ית' וואס אן דעם האבן מיר נישט קיין מציאות.

אויף דעם שטייט אין מגילה (אסתר ט, ל) "דברי שלום ואמת". בפשטות מיינט עס די מצוות היום: משלוח מנות און מתנות לאביונים - 'דברי שלום', און קריאת המגילה - 'דברי אמת'. אבער חז"ל דרשנ'ען (מגילה טז:), אז 'ואמת' מיינט אז די מגילה איז כ'אמיתה של תורה', וואס באדייט 'קריאת שמע' וואס איז יחוד ה' (תוס' גיטין ו: ד"ה אר"י) - ווייל דאס איז די מהות המגילה, אויפצושיינען אמיתת יחודו ית'.

און דורך די גילוי יחודו ית' אפילו אין די גרעסטע הסתר און טבע, א גילוי וואס ווערט בשעת קריאת המגילה, ווערט געשאפן א כח פון קבלת התורה מאהבה, צו מקיים זיין די תורה און מצוות מיט א חיבור תמידי ונצחי (ווי געברענגט אין 'קדושת לוי').

און דאס איז די עומק הכוונה פון "דברי שלום ואמת". גילוי קדושת נשמות ישראל וואס זענען מאוחד ווי איינס - "שלום", א לשון פון 'אחדות', צוליב זייער דביקות בה' אחד - "ואמת". דאס איז די עומק פון נצחיות ישראל, א דביקות אינעם לעבעדיגן באשעפער. דאס אלץ ווערט נתעורר און נתגלה ביים ליינען מגילה בעצם יום הפורים, וואס מרדכי הצדיק האט געשריבן, דער "דורש טוב לעמו ודובר **שלום** לכל זרעו" (עיין 'דגל מחנה אפרים').

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**אזוי ווי ביי יום כיפורים - עיצומו של יום מכפר, אזוי אויך פורים - עיצומו של יום מעקט אויס עמלק.**

הרה"ק ר' צדוק הכהן מלובלין זי"ע (פרי צדיק, פורים א)



# נאכזינגען איז אויך עפעס

"וואס וועט זיין מיט אונז, מיר זענען דאך אזוי ווייט פון א נקודת אמת...", רופט זיך אן דער עלטערער ר' זעקל לייב.

"איי, א ברעקעלע אמת...", שטימען שלום און טוביה חזקאל'ס צו.

"ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס מיר האבן ריכטיג געדאוונט פארן אויבערשטן? איין ריינע ווארט תורה?", לייגט אייזיק צו.

"די בושה איז עד לב השמים כפשוטו...", קרעכצט שלום.

די חסידים פון צדיק, רבי צבי הירש פון נאדבורנא זי"ע בעל 'צמח ה' לצבי' זענען פארזינקען אין א חסיד'ישע פריינטליכע שמועס, און חסידים אזוי ווי חסידים, הייבן אן רעדן פון זייער שפלות, ווען מיט יעדע נידעריגקייט וואס זיי דערזעען אויף זיך, ווערט זייער הארץ מער אנגעפילט מיט תענוג, זיי גייען אויס אויסצומעקן דעם לעצטן טראפ 'אנכיות' וואס טיילט זיי אפ פון אויבערשטן, כדי צו ווערן באמת דבוק אין אים.

"חברים, אייער מצב שטייט שוין גוט, איך האט נישט קיין אהנונג אין וואספארא שאול תחתית איך געפין זיך", לאזט זיך דער יונגער עובד שלמה'לע הערן פון עק טיש.

"איר רעדט פון אן אמת'ע דאווענען? אויף מיין היינטיגע דאווענען וואלט איך נישט געצאלט קיין אפגעריבענע קאפיקע".

א התפעלות נעמט ארום די חסידים, וויסנדיג ווי געהויבן זיינע תפילות זענען.

"איך גיי יעצט אריין צום רבי'ן", שטעלט זיך שלום פלוצלונג אויף.

"טאקע?".

שלום שאקלט זיין קאפ איבערראשט, "אין נאך א האלבע שעה", דערציילט ער בחרדת קודש.

"שלום, בעט פון רבי'ן צו טון עפעס פאר אונזער וועגן", קומט די בקשה פון די חברים.

"מיטן אויבערשטנ'ס הילף".

"וואס האבן די חסידים פארברענגט?", ענטפאנגט אים דער צדיק מיט א פראגע.

"מיר האבן גערעדט פון אונזער שפלות, און פשוט נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון".

"שלמה'לע, דער יונגער עובד, האט זיך אויסגעדריקט אז ער וואלט נישט געצאלט קיין איין קאפיקע אויף זיין דאווענען", לייגט שלום יואל צו נאך געציילטע סעקונדעס.

אויפאמאל ווערט דעם צדיק'ס געזיכט דראסטיש געטוישט.

"אזוי האט ער געזאגט?", בייזערט זיך דער צדיק מיט א הויכע קול.

שלום ווערט פארלוירן. ער האט געוואלט מהנה זיין דעם צדיק, דערווייל האט ער אים גאר דערצערנט.

"וויאזוי קען א איד ארויסזאגן אזעלכע ווערטער?", שרייט דער צדיק ווייטער.

"גיי צוריק צו שלמה'לע, און זאג אים אז מער וויל איך אים נישט זען אין מיין בית המדרש! א איד וואס קען אזוי רעדן, האט נישט קיין פלאץ ביי מיר".

שלום קושט דעם צדיק'ס האנט, און פארלאזט די צימער פארצווייפלטערהייט.

'וואס גייט דא פאר? וואס האט שלמה'לע, דער עניו און בעל מדריגה צו וועמען איך קום נישט צו, אזוי שלעכטס געטון?', לויפן זיינע מחשבות.

שלום פארטרייבט זיי. 'בעל גאוה איינער...', צוקלאפט ער זיין נפש הבהמית, 'זייט ווען פארשטייסטו דעם רבינ'ס ווערטער?'. ער לויפט צום בית המדרש.

"אה, שלום! וואס זאגט דער רבי?", ענטפאנגען אים די חברים.

שלום ענטפערט נישט. ער גייט צו צו שלמה'לע, און רוימט אים אריין אין אויער.

שלמה'לעס געזיכט ווערט בלאס.

פאר א מינוט איז שלמה'לע געבליבן פארפרוירן אויפן ארט, דערנאך אן א ווארט, יאגט ער זיך ארויס פון טיר.

"יעבור עלי מה", טראכט ער, "כ'מוז באקומען א דרך התשובה פון רבי'ן".

"דער רבי וויל דיר נישט זען", מעלדט דער גבאי פארן ערשטוינטן שלמה'לע.

שלמה'לע געבט נישט אויף. צומארגנס קומט ער נאכאמאל, אוןווידער דערוווייטערט אים דער רבי. טאג נאך טאג קלאפט ער אויפן רבינ'ס טיר, און נאר נאך גאנצע צוויי וואכן באקומט ער ערלויבעניש אריינצוקומען.

שלמה'לע שטייט מיט א געבויגענע קאפ, זיין הארץ לעכצעט צו זיין רפואת הנפש.

דער צדיק קוקט אים אן מיט ענדלאזע ליבשאפט, און ווענדט זיך צו אים שטרענגערהייט:

"וויאזוי קען א איד אזוי מזלזל זיין אין די הייליגע ווערטער פון דאווענען? מ'קען זיך נישט פארשטעלן ווי טייער איז ביים אויבערשטן ווען א איד זאגט ארויס א ווארט תפילה פון מויל! וואו קומט אזא זלזול?".

"וועסטו זאגן, וואס איז ווערד א דאווענען אן די ריכטיגע כוונה?".

שלמה'לע שאקלט צו צום טענה.

"**וועל איך דיר געבן א משל:** אן אויסגעצייכנטער זינגער און קאמפאזיטאר, וועמענ'ס ניגונים צעלאזן די הערצער פון ווער ס'הערט עס, איז אוועק פון די וועלט, און איבערגעלאזט זיינע ניגונים פאר זיין זון וואס האט שוין נאר געקענט זינגען. וועסטו זאגן שלמה'לע, אז עס האט שוין נישט קיין טעם צו הערן ווי דער קינד זינגט זיין טאטנ'ס קאמפאזיציעס, וויבאלד ער אליינס קען נישט פארפאסן ניגונים? זיכער נישט!".

אזוי אויך ווען מיר זאגן איבער די הייליגע נוסח התפילה וואס אנשי כנסת הגדולה האבן קובע געווען, כאטש צומאל קענען מיר נישט פארפאסן אזוינס, מיר לייגן נישט אריין א פרישע חיות און טעם אדער נייע כוונות אין די ווערטער, פונדעסטוועגן, דאס זאגן די ווערטער שאפט א גרויסן תענוג פארן אויבערשטן".

**מקור: מעשיהם של צדיקים**

# ווער איז עמלק?

**מאיר עינים חכמים: עמלק לייקנט אז השי"ת געפינט זיך אויך אין עולם הגשמי • פרי הארץ: עמלק שטעלט זיך קעגן די אמונה פון 'למעלה מהשגה' • דרך מצותיך: עמלק קעמפט קעגן כח ה'דעת' וואס איז משפיע אויף די מידות**

## האבן חסידים אויסגעטראפן נאך אן עמלק?

**דעם שבת קודש זענען מיר זוכה צו מקיים זיין די מצוה פון "זכור את אשר עשה לך עמלק"** וואס איז א מצות עשה דאורייתא לויט רוב ראשונים. חסיד'ישע ספרים ברענגען דעם יסוד פון בעל שם טוב הק', אז וויבאלד די תורה הק' איז נצחית, איז בהכרח אז אויך יעדע מצוה איז נצחית, און איז נוגע פאר יעדן איד אין יעדן צייט און מצב. דער אמת איז אז ס'איז גארנישט קיין חידוש פאר איינער וואס איז ערצויגן געווארן אין א חסיד'ישע אטמאספער, וואו יעדער האט געהערט איבער דעם 'עמלק שבתוכינו'. דער פראבלעם איז אז צומאל קען עס בלייבן א 'חיצוניות'דיגע זאך', ווען מ'מיינט אז ס'איז דא דער אמת'ער עמלק מיט וועמען משה רבינו האט מלחמה געהאלטן, און דערנאך איז דא דער עמלק פון וועמען חסיד'ישע ספרים רעדן...

דער אמת איז אבער, אז ס'איז פארהאן א פארשאלטענע קליפה רוחנית וואס הייסט 'עמלק' וואס זוכט צו צעשטערן די דביקות פון נשמות ישראל צום אויבערשטן, און די קליפה איז אויך נשתלשל געווארן אין א געוויסע פאלק דא למטה, וואס איז געווארן א מרכבה פאר די קליפה, און איז געקומען מלחמה האלטן קעגן די אידן. אבער דער עיקר מצוה פון זכירת ומחיית עמלק רעדט דייקא פון יענע קלי' וואס האלט אונז אפ פון דביקות בה', אזוי אז די מצוה גייט אן אויך היינטיגע צייטן. און אלס תוצאה פון דאס אויסמעקן עמלק אויפן פנימיות'דיגן פראנט, וועט אויך דאס פאלק אין וואס זי איז נשתלשל געווארן ענדגילטיג פארלענדט ווערן צוזאמען מיט די גאולה השלימה וואס איז תלוי זה בזה.

לויט דעם לאמיר אביסל אפלערנען די מהות פון אט די קליפה, וויאזוי דריקט זי זיך אויס ביי אונז אין נפש, און ווען מ'וועט עס ריכטיג פארשטיין און כאפן ווי ווייט ס'שטערט אין אונזער לעבן און עבודה, וועלן מיר איר זיכער פיינט האבן ווי מ'דארף, און אנווענדן אלעס אויסצורייניגן די וועלט פון דער קליפה, ובפרט אין די יעצטיגע טעג וואס זענען מסוגל דערצו.

לאמיר זיך שטעלן אויף דריי עיקר נקודות במהות עמלק ווי ערקלערט אין ספה"ק, וואס עפנט דעם וועג צו פארשטיין אויך די אנדערע ספרי חסידות וואס רעדן פון דעם נושא, וואס כולם ניתנו מרועה אחד.

## עמלק לייקנט אז מציאות ה' איז 'בקרבינו'

**לאמיר אנהייבן מיט די הייליגע ווערטער פון 'מאיר עיני חכמים':**

אין זיין מאמר אויף פורים, איז דער 'מאיר עיני חכמים' מאריך אז די גילוי פון פורים איז דער גילוי פון יחוד הגמור 'אין עוד מלבדו' ממש אויך למטה אויף דער וועלט, און אז אויך אין גשמיות איז 'מלא כל הארץ כבודו' כפשוטו, אלץ איז חיות אלקות. פארשטייט זיך אז די עיקר אלקות געפינט זיך אין כלל ישראל, זייענדיג כלים צו אור ה' (און פארשטייט זיך אז דער אור וואס איז מגלה אלקותו ית' בגשמיות, טוט אויטאמאטיש שטופן דעם מענטש זיך צו מקדש זיין און אריינברענגען השי"ת אין זיינע גשמיות'דיגע ענינים).

און דאס קען עמלק נישט פארטראגן. די תורה הק' זאגט אז קליפת עמלק שאפט און ברענגט אריין ספיקות פון "היש ה' **בקרבינו?**" אין כלל ישראל. עמלק לייגט זיך אין די לענג און ברייט צו פארדעקן אט דעם אמת אז השי"ת געפינט זיך **'בקרבינו'**, אז די גאנצע גשמיות איז בלויז חיות ה' און בשביל ישראל וואס טוען דאס מגלה זיין. אים באדערט נישט אז דער אויבערשטער געפינט זיך אין די עולמות העליונים, אבי נישט 'בקרבינו'.

אויך המן האט זיך אויסגעדריקט "אלקיהם של אלו ישן הוא", אויף וואס דער 'מאיר עיני חכמים' ערקלערט המן'ס כוונה: געוויס איז דא א באשעפער, אבער דא אין די וועלט 'שלאפט' ער, ער געפינט זיך נישט צווישן זיי, ווי אויך איז ער נישט מחיה די גשמיות, עפ"ל.

אזוי אויך שטייט אין חז"ל אז עמלק האט געווארפן 'מילות כלפי מעלה' (תנחומא תצא ט'), איז דער 'מאיר עיני חכמים' מסביר, אז ס'איז מרמז אויף דעם ענין, ווייל מילה מיינט דער קשר און בונד צווישן ישראל לאביהם שבשמים, אז השי"ת איז כביכול בשלימות נאר מיט זיי, און זיי זענען נישט קיין מציאות אן אים, און דער קשר האט עמלק פיינט און וויל עס צושטערן אדער כאטש אוועקמאכן.

## עמלק צושטערט די אמונה פון 'למעלה מהשגה'

**דער 'פרי הארץ' אין פרשת תצוה, שיינט אויף דעם ענין מיט נאך א ליכטיגקייט:**

ער באזירט זיך אויפן משל פון 'אמבטי רותחת' וואס רש"י ברענגט צו שילדערן עמלק'ס פעולה, און דערביי ערקלערט עס דער 'פרי הארץ' באופן פנימי, אז די 'אמבטי רותחת' באדייט דער כח פון 'למעלה מהשגה' פון כלל ישראל, און דאס אז קיינער האט נישט געקענט אריינגיין דערין, מיינט אז ס'איז אזוי הויך אז קיינער קען עס נישט משיג זיין, און וויבאלד כלל ישראל זענען דבוק אין באשעפער וואס ער איז 'לית מחשבה תפיסא ביה', איז זייער אייגענע מציאות אויך 'למעלה מהשגה'. עמלק דערליידט דאס נישט, ער איז גרייט צו ווערן אפגעבריט, אבי אריינצוטאנצן אין אמבטי און אזוי ווייזן ווי גלייך כלל ישראל איז א מציאות וואס מ'קען יא באגרייפן.

**וויאזוי האט עמלק'ס זיך פארטשעפען אין די 'למעלה מהשגה' פון כלל ישראל געווירקט אין אונזער עבודה פנימית?**

א זאך וואס איז 'בהשגה' באדייט אז מ'קען עס פארשטיין און אויך צושטימען אז אזוי דארף צו זיין. ווי דער 'פרי הארץ' שרייבט אפטמאל 'במקום ההשגה אין נסיון', וואס דאס מיינט, אז א זאך וואס אונזער שכל האט משיג געווען און מ'איז איינשטימיג דערמיט, שטעלט מער נישט קיין נסיון. דער מציאות פון נסיון שאפט זיך נאר ווען עפעס איז העכער די השגה, אדער פארקערט, ווען מ'פאלט פון די השגה חלילה.

וויאזוי קען מען זיך טאקע מתחבר זיין צו עפעס וואס איז 'למעלה מהשגה'? דורכ'ן כח האמונה. אנערקענען אז השי"ת איז אזויפיל גרעסער און מער דערהויבן פון אונזער פארשטאנד, דעריבער בלייבט אונז נאר זיך צו פארלאזן אויף אים און פאלגן מיט פארמאכטע אויגן. און א איד האט דעם כח. בעומק נשמתו פון א איד איז איינגעקריצט א הכרה אז השי"ת איז פיל גרעסער פון אונזער קליינטשיגע השגה, און מיר מוזן זיך מבטל זיין פאר אים און אויספירן זיין רצון אפגעזען צי מ'פארשטייט עס.

די אמונה איז 'למעלה מהשגה', ס'איז די 'אמבטי רותחת' פון וואס מ'רעדט. ווייל ס'שטעלט אונזער גאנצע אידישקייט אלס עפעס וואס 'איז נישט שייך אנדערש!'. פונקט ווי מ'קען נישט באגרייפן רצון ה', אבער 'קען מען דען טראכטן אנדערש?!' ס'איז העכער סיי וואספארא השגה.

ערקלערט דער 'פרי הארץ', אז עמלק קעמפט קעגן דעם כח אין הארץ, ער זוכן אפצוקילן די 'אמבטי של אמונה' פון 'למעלה מהשגה'. און ווי דער 'מאיר עיני חכמים' זאגט: וואס איז 'למעלה מהשגה'? די יחוד הגמור אז אויך צווישן אונז איז 'מלא כל הארץ כבודו', און עמלק פארנעמט דאס נישט.

## א מלחמה קעגן 'דעת'

**קומט דער 'צמח צדק' אין ספר 'דרך מצותיך' מיט א דריטע נקודה:**

ער שטעלט זיך אויפן פסוק וואס באטאנט אז עמלק איז דווקא געקומען "בדרך בצאתכם ממצרים". וואס האט עמלק צוטון מיט מצרים?

איין יסוד וואס קומט ארויס פון זיינע טיפע ווערטער, אז קליפת עמלק קומט דווקא נאך יציאת מצרים. 'קליפת מצרים' באדייט כפירה במציאותו ית', ווי פרעה האט געזאגט "לא ידעתי את ה'". אבער אויך נאכן באפרייט ווערן פונעם מצב פון כפירה דורכ'ן זוכה זיין צו אמונה במציאות ה', ליגט נאך אויפן מענטש די פליכט צו מאכן אן 'אתכפיא' אנידערצובייגן זיינע מידות, זיינע שלעכטע נייגונגען וואס ווערן נישט נאטורליך נמשך נאכן אמונה, און זיי משעבד זיין צו אמונת ה'.

דער 'דרך מצותיך' שמועסט אויס וויאזוי ס'גייט צו. אויך ווען די אמונה טרעפט א מקום ביים מענטש אין שכל, אבער די נטיה פון עמלק וואס קאכט אין אים זאגט: ניין, כ'וויל נישט. אט די נטיה רופט דער 'דרך מצותיך': "יודע את רבונו ומתכוון למרוד בו". ווייל עמלק זוכט נישט אפצוטון די אמונה וואס איז שוין נקבע געווארן אינעם מענטשליכן פארשטאנד, נאר טראצדעם דערקלערט ער מיט חוצפה: 'געזעכט, אבער איך וויל נישט, כ'האב מיין אייגענע מציאות און מיינונג און איך פארשטיי אנדערש'.

דאס מיינען די ספרי קבלה ביים זאגן אז 'עמלק שלאגט זיך מיטן כח הדעת'. ווייל נאכן אנערקענען מיט זיין 'חכמה' און 'בינה' דעם אמונה בה', טוט עמלק מיט זיין חוצפה און גאווה אפהאלטן די 'מוחין' פון משפיע זיין צו די 'מידות' טראץ דער שכל ווייסט אנדערש. ווען נישט עמלק, וואלט א איד וואס איז ארויס פון כפירת מצרים גלייך אריין צום דביקות בה' (וואס מיינט בפנימיות, אריינגיין ארץ ישראל), ווייל זיינע מוחין וואלטן באלד געווירקט אויף זיינע מידות דורך די כח הדעת וואס פירט אריבער פון די מוחין צו די מידות. אבער עמלק שטייט אינדערמיט, ער שלאגט זיך מיטן כח הדעת.

וויאזוי מעקט מען אויס דעם אנשיקעניש? דורך 'זכור'. 'זכור' באדייט מעורר זיין אונזער כח הנשמה, ווייל מצד נשמתינו שפירן מיר אז השי"ת איז אונזער מציאות ממש, ער איז עפעס **וואס מיר קענען נישט פארגעסן.** א מענטש איז אומשטאנד צו פארגעסן סיי וואס איז אינדרויסן פון אים, אבער ער פארגעסט קיינמאל פון זיך אליינס. מ'דארף ערוועקן די קשר עמוק וואס מיר האבן אין זיך, און אריינבאקומען א פיינטשאפט צו עמלק דורך די הרגשה אז ער וויל אונז אפהאקן פון אונזער לעבנ'ס קוואל.

דאס איז די איינציגסטע כח זיך צו מתמודד זיין מיטן מחוצפ'דיגן עמלק, וועלכער קומט נישט מיט שכל, נאר מיט פרעכהייט און עקשנות דקליפה, און דערקעגן דארף מען ערוועקן אונזער חוצפה און עקשנות דקדושה. קריאת פרשת זכור און די ימי הפורים, זענען געאייגנט צו מעורר זיין אט די כח האמונה אין אונזער נשמה, מיט א 'חוצפה' און עקשנות וואס פאדערט נישט קיין הסברים, דאס אליינס איז די כח פון 'למעלה מהשגה', און איז די יחוד גמור אז דער אחד ומיוחד געפינט זיך אויך אין עולם הגשמי.

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הרה"ח ר' מאיר נייהויז שליט"א
לרגל הולדת בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכה לרוות ממנה רוב נחת

חלק מהוצאות הגליון
נדבת הרה"ח ר' הרוצה בעילום שמו שליט"א
לרגל בנו הרב נולד למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכה לרוות ממנו רוב נחת

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י
חבורת הבהורים



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483